**בס"ד. שיחת יום א' פ' שמיני, י"א ניסן, ה'תשל"ב**
**– שבעים שנה לכ"ק אדמו"ר שליט"א –**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

## יום-הולדת - הזדמנות לצמיחה

וואָס [ס']האָט [מיר] געפרעגט איינער (?? אַזוינע??): וויבאַלד אַז ס'איז שוין דאָ "ימי שנותינו בהם שבעים שנה" – איז וואָס קלייבט מען זיך טאָן נאָך דערויף? – לכאורה איז דעמאָלט איז אַ צייט אויף טראַכטן וועגן אָפּרוען זיך וכו' וכו'.

האָב איך געענטפערט, אַז ערשטנס איז דאַרף מען ניט קוקן אויפן "פּאַספּאָרט" – מ'דאַרף קוקן ווי מ'פילט זיך. און וואָס איז נאָכמער נוגע: וויפל פון די יאָרן זיינען געווען שנים קיימים!

– ס'איז דאָך ניט אַ קונץ אַז ס'דאַרף זיין פאַרשריבן אין "פּאַס" אָדער אין תעודת לידה וכיו"ב כו"כ שנים; מ'דאַרף וויסן אַז ס'זאָל זיין דער "בא בימים", ווי ער טייטשט אָפּ אין זהר, אַז מ'קומט צוגיין מיט די אַלע טעג ביז "לא חסר אפילו יומא חדא".

איז דער ענטפער וואָס מ'דאַרף דערנאָך טאָן – איז דאָך שטייט דאָך גלייך נאָך דערויף אין פסוק "ואם בגבורות", אַז דאָס וואָס ס'איז געווען חלישות אין די אַלע שנים שלפני זה, און בשעת מ'מאַכט אַ חשבון צדק איז דאָך ידע אינש בנפשי' – איז אָט דעמאָלט ערשט דאַרף מען אָנהויבן טאָן בהתגברות יתירה.

ס'איז אָבער דאָ אַזוינע וואָס זייער ענין איז, אַז זיי אַליין טאָן בידים וברגלים, איז דאָס פאַרבונדן מיט פאַרשידענע-ערליי מניעות, במילא דאַרף מען אָנקומען צו אָט די וואָס וועלן הערן די בקשה און די הפצרה און די תחינה וכולי, אַז זיי זאָלן דאָס אויספירן בפועל.

און אויספירן בפועל – איז אויך דאָ אַ הוראה אין תורה, אַז "מי שיש לו מנה רוצה מאתיים" און "מי שיש לו מאתיים רוצה ד' מאות". איז אָט די וואָס האַלטן, אַז זיי האָבן געטאָן כל הענינים וואָס זיי האָבן גענדאַרפט אָפּטאָן, ובשלימות, [וואָס דאָס איז דאָך כללות ענין ה"מנה" וואָס זי האָט אין זיך מאה, וואָס דאָס איז דאָך אַ שלימות אין מספר], איז אדרבא, ניט דעמאָלט קומט די צייט ווען ער דאַרף זיך גיין רוען און אַוועקגיין שפּאַצירן, וואָרום ער האָט שוין אָפּגעטאָן און דערגרייכט לשלימותו; אָט דאָס דאַרף ביי אים ערשט מעורר זיין "רוצה מאתיים", אַז ער דאַרף וועלן צוויי מאָל אַזויפיל. און נישט גענאַרטערהייט, אַז עס זאָל טאַקע זיין "מאתיים".

ס'איז דאָך רגיל אויף יעדער ענין פאַרבינדן אויך מיט אַ מספר מסויים, און ווי שוין גערעדט כמה פעמים: אַז מ'זאָגט גלאַט אַזוי אַז מ'דאַרף אויפטאָן, איז אָט דעמולט זאָגט מען, אַז מ'האָט שוין אויפגעטאָן, און מ'ווייס ניט יאָ צי ניט וואו מ'האַלט אין דער וועלט, [וואָס דערפאַר איז דאָך אויך דאָ איז מען מדייק "רוצה מאתיים", אַ מספר מסויים] –

איז על דרך זה, וויבאַלד אַז מ'גייט אַריבער פון שבעים אין שמונים, איז לכל הפחות במשך שנה זו זאָל צוקומען שבעים ואחד מוסדות.

מסתמא איז דאָך דאָ אַזוינע וואָס וועלן זיך גלייך דערשרעקן, איז וויבאַלד אַז מ'איז פאַרמאַטערט פון דעם טאַנצן מיטן זינגען – וועט מען ניט משים לב זיין לזה פון די התחייבות וואָס מ'נעמט אויף זיך, ובפרט אַז דאָס איז ניט אַ התחייבות – דאָס איז אַן ענין פון זכות, וואָרום דאָס רעדט זיך, די מוסדות איז דאָך אַן ענין (וואָס זכות) (וואָס איז תלוי אין תועלת) וואָס ברענגען תועלת הרבים – איז "זכות הרבים תלוי בו", און דאָס וואָס ס'איז נוגע למעשה בפועל, אַז "זכות הרבים מסייעתו": אַז ס'וועט אָנקומען אַ סך לייכטער ווי מ'שטעלט זיך פאָר.



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת צו

די התחלה אויף דערויף איז שוין געמאַכט געוואָרן:

יעדער מוסד איז דאָך, ווי גערעדט פריער אין אַן ענין של קדושה איז ניטאָ דער ענין פון "חינם"; דאָס איז געווען "במצרים חנם". אָבער אידן זיינען שוין לאַנג אַרויס פון מצרים, ובפרט אַז מ'געפינט זיך אין חודש ניסן, דאַרף דאָך דאָס זיין פאַרבונדן מיט הוצאות און מיט השתדלות וכו',

און "חבר אני לכל אשר יראוך", די אַלע וואָס וועלן טאָן אין דערויף מיט אַ מסירה ונתינה, איז אָט דאָס וואָס מ'האָט אַריינגעטראָגן אין "קרן השבעים", איז בלי נדר וועט מען געבן לכל הפחות אַ חלק המעשר פון די אַלע הוצאות וואָס זיי זיינען פאַרבונדן מיט דעם יסוד פון שבעים ואחד מוסדות חדשים.

און מ'זאָל זיך ניט שרעקן טאָמער וועט מען גלייך וועלן מאַכן במשך שנה זו, ניט שבעים ואחד נאָר שמונים, און ווער רעדט נאָך, אַז מ'וועט וועלן מאַכן מאה – איז תבוא עליהם ברכה, און ס'וועט זיכער ניט זיין קיין מניעה פון דעם חלק המעשר, אָדער אפילו מער פון מעשר, אבי ס'זאָל זיין די התחלה פון די "אצבע קטנה" של כל אחד – בנוגע צו די ענינים וואָס מאָנסביל דאַרפן טאָן, און של כל אחת – בנוגע צו די ענינים וואָס פרויען נשים ובנות דאַרפן טאָן.

און מ'מאָנט ניט סתם מ'זאָל מאַכן אַ מוסד כדי ס'זאָל צוקומען נאָך אַן אָרט וואו (אויסצוקלייבן) געבן אַ כיבוד פון אַ "טשערמאַן" מיט אַ "טרעזשורער", מיט אַן "האָנערערי טשערמאַן" מיט די אַלע ענינים, און מ'זאָל דאָס דערנאָך אָפּדרוקן אויף אַ "סטעישאָנערי", און מאַכן "העדליינס" – ווי מ'זאָגט דאָ – אין אַלע צייטונגען, אַז פלוני בן פלוני האָט זוכה געווען צו דעם כבוד, ביז וואַנענט אַז מ'האָט אים אויסגעקליבן ווי – אַ משונה'דיקע המצאה פון ארצות הברית – "דעם מענטשן פון יאָר"!

קיינמאָל ניט געהערט! (ס'איז דאָ) "אחת בשנה" איז דאָ דער יום הקדוש; אַ ס'זאָל זיין דער "מען אָוו דהי יער" – דאָס איז אַן ענין וואָס ארצות הברית איז געפאַלן אויף דער המצאה! ממה נפשך: איז ער אַן אדם ווי ס'דאַרף צו זיין – האָט ער געדאַרפט זיין פאַר דעם יאָר און געדאַרפט זיין נאָך דעם יאָר; איז ער אַזאַ מענטש וואָס ער איז אַ מענטש מערניט ווי אַ יאָר אַליין – איז אַ סימן, אַז דעם יאָר איז ער אויך קיין מענטש ניט! אַז ניט וואָלט ער געווען פריער און וואָלט געווען שפּעטער...

אָבער אויב מ'קען דאָס נאָר אויסנוצן אויף אַן ענין פון תורה ומצוות – גיט יענעם אַ כבוד אויפן "מענטשן פון יאָר"; מיר האַרט ניט – מאַכט אים פאַר אַ "מענטשן פאַר אַ חודש", אַבי ער זאָל מאַכן אַ מוסד חדש, און דער מוסד זאָל זיין אַ מוסד מיוסד על יסודי התורה והמצוות, במילא איז דאָס כולל אין זיך בין אדם לחבירו, מיוסד אויף בין אדם למקום.



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.